# „ירושלים שטייט העכער פֿון פּאָליטיק"

פֿאָרזעצונג פֿון דער ערשטער זייט

בריוו.

אלי וויזעל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם בריוו נאָך אַ ווענדונג פֿון פּרעמיער בנימין נתניהו, וועלכער האָט זיך געוואָנדן צו וויזעל, אַז אַלס פֿריינט פֿון פּרעזידענט באַראַק אָבאַמאַ, זאָל ער פּרובירן אויסאיבן זיין איינפֿלוס אויף דער אַדמיניסטראַציע, ווייכער צו מאַכן דעם דרוק אויף ישראל איבער דער פֿראַגע פֿון בויען הייזער פֿאַר אידן אין ירושלים, און נישט צו דרוקן אויף ישראל צו לאָזן וויסן אין פֿאָראויס ווי אַזוי זי זעט די צוקונפֿט נאָך אַ שלום־אָפּמאַך מיט די פּאַלעסטינער אַראַבער.

די פּרעזידענטין פֿון די אַמעריקאַנער פֿריינט פֿון דער לינקער "שלום עכשיו" באַוועגונג, האָט געשיקן אַ רעאַקציע־בריוו צו אלי וויזעל, וואו זי דריקט אויס "לויב פֿאַר אייער בריוו, אָבער איך וויל פֿאַר אייך קלאָר מאַכן, אַז ירושלים איז נישט בלויז אַ אידישער סימבאָל, נאָר אַ שטאָט וואָס איז הייליק אויף פֿאַר ביליאָנען קריסטן און מוסולמענער איבער דער וועלט... זי איז טאַקע די הויפּטשטאָט פֿון ישראל, אָבער זי איז אויך אַ פּונקט פֿאַר די פּאַלעסטינער נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. עס וואוינען טאַקע דאָרט פֿיר הונדערט טויזנט אידן, אָבער אויך צוויי הונדערט טויזנט אַראַבער...", שרייבט די פּרעזידענטין פֿון "שלום עכשיו" אין אַמעריקע אין איר בריוו צו אלי וויזעל, באַטאָנענדיק, אַז "עס מוזן פֿאָרקומען פֿאַרהאַנדלונגען צווישן ישראל און די פּאַלעסטינער וועגן ירושלים. אָן אַ לייזונג אין ירושלים, וועט קיינמאָל נישט זיין קיין שלום צווישן ישראל און אירע פּאַלעסטינער שכנים", שרייבט זי.

ווי באַקאַנט, איבט־אויב די אָבאַמאַ־אַדמיניסטראַציע אַ שטאַרקן דרוק אויף פּרעמיער בנימין נתניהו אין די לעצטע וואָכן, איינצושטימען אָפּצושטעלן טאָטאַל דאָס בויען דירות און הייזער אין ירושלים און אין אַנדערע טעריטאָריעס וואָס ישראל האָט באַפֿרייט אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין 1967, און צו עפֿענען די גרעניץ־פּונקטן מיט עזה און די פּאַלעסטינער געגנטן אין יהודה און שומרון. פֿאַר דריי וואָכן צוריק, ווען פּרעמיער נתניהו איז געווען אויף אַ באַזוך אין וואַשינגטאָן צו אַדרעסירן די יערלעכע קאָנפֿערענץ פֿון דער לאַבי־אָרגאַניזאַציע "עיפּאַק", איז ער אויפֿגענומען געוואָרן זייער קאַלט אין ווייסן הויז, און עס זיינען נישט דערלויבט געוואָרן קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס מיטן פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

ביז איצט האָט נתניהו נאָך נישט געענטפֿערט אויף די אַמעריקאַנער פֿאַרלאַנגען וועגן צואיילן די פֿאַרהאַנדלונגען מיט די פּאַלעסטינער פֿירער.

---

**אַן איגרתל פֿון ווילנע**

# געדאַנקען, אידייען, רעיונות, מחשבות: וואָס איז די נפֿקא־מינה?

## און אַנדערע ענינימלעך

### קאַפּיטעלעך אידיש (ח)

פֿון הירשע=דוד כ"ץ, ווילנע

### וועגן דעם "ליטווישן עי" אין קיעווער געגנט

די פֿראַגע האָט אַריינגעשיקט חיה=פּעגי דייוויס, אַ ספּעציאַליסטקע אויף אידישער קאַליגראַפֿיע. זי איז אויך אַ מוזיקאַנטקע אין קלעזמערישן גייסט. זי לעבט מיטן מאַן און צוויי קינדער אין אַ דאָרף אין מערב מאַסעטשוסעטס. זי שרייבט: „מיר לערנען מיט די קינדער דאַווענען, לייענען עברי, אידישע און העברעאישע לידער". איר קונסט=גאַלעריע אין קאָלרעין, מאַסעטשוסעטס רופֿט זיך „גן=עדן גאַלעריע" (נישקשה!). חיה=פּעגי שרייבט:

„מיין טאַטנס אַ שוועסטערקינד, וועראַ פֿוקסמאַן ע"ה האָט מיט מיר אַרומגערעדט עטלעכע ווערטער. זי פֿלעגט אַרויסריידן למשל: 'פֿיטער' און 'גוזינט'. בעתמעשההאָט זי זייער שטאַרק באַטאָנט אַז איר אייגענער נאָמען דבורה רעדט זיך גראַדע אַרויס 'דוועירע' און איר ברודער שלמה=וועלוול רופֿט מען: 'שלעימע=וועלוול'. די משפּחה, זלאַטקאָווסקי, שטאַמט פֿון פּעריאַסלעוו, און זיי זיינען אַריבער אין דולוטה, מינעסאָטאַ ערגיץ אַרום 1900. מיין טאַטנס עלטערזיידע וועלוול האָט געהאַט דריי ווייבער (נישט אין דער זעלבער צייט). און פֿון זיין זון לייבל ווייס איך, אַז ער, וועלוול הייסט דאָס, האָט פּערזענלעך געקענט שלום=עליכמען און האָט אים נישט ליב געהאַט".

פּעריאַסלעוו (אָדער: פּעריאַסלאַוו), ניט ווייט פֿון קיעוו (קרוינשטאָט פֿון אוקראַיִנע) איז טאַקע דאָס געבורט=שטעטל פֿון באַליבטן אידישן הומאָריסט שלום=עליכם (1859 – 1916). ביזן היינטיקן טאָג טרעפֿט מען דאָרטן אַ קליינינקן שלום=עליכם מוזיי נאָך פֿון די סאָוועטישע צייטן.

אַיז וואָס=זשע איז טאַקע מכח דעם „ליטווישן עי" (אין אַזעלכע ווערטער ווי „ברויט", „שומר" וכדומה און אַזעלכע נעמען ווי „דוועירע" און „שלעימע"), אין אַ געגנט וואו דער גאַנצער דיאַלעקט איז בפּירוש דרומדיק און ניט ליטוויש (ניט נאָר „פֿיטער" און „גוזינט" נאָר בכלל טרעפֿט מען די אַלע דרומדיקע וואָקאַלן: zugn אויף „זאָגן", van אויף „ווייַן" א.א.)

דער קורצער ענטפֿער איז, אַז אָטאָ דער „וואָלינער אידיש" אין דער צפֿונדיקער אוקראַיִנע, וואָס נעמט אַריינעט סיי קיעוו און סיי פּעריאַסלעוו, איז טאַקע אַ דיאַלעקט אַ יחיד במינו, וואָס האָט טאַקע (אין טייל מקומות) איין „קלאַסיש=ליטווישן" קלאַנג, דהיינו: יענעם „עי" וואו אַלע אַנדערע מיני אידיש האָבן דעם „אָי" קלאַנג. אינעם ווייט=גרעסטן רוב אַנדערע פּרטים איז עס בדרך כלל אַ קלאַסישער אוקראַיִניש=דרומדיקער דיאַלעקט.

פֿון וואַנעט נעמט זיך דער דאָזיקער איינאיינציקער „ליטווישער עי" אינעם צפֿון=אוקראַיִנישן אידיש?

ראשית כל, באַדאַרף מען האַלטן פֿאַרן אויג, אַז דער שטח גרענעצט זיך מיטן ליטווישן אידיש וואָס צו צפֿון=צו, למשל אין אַ מזרח=מערבדיקן פּאַס וואָס ציט זיך אַן ערך פֿון האָמלע (גאָמעל) ביזקל פּינסק און בריסק (פּאָלעסיע), וואָס אין היינטיקן בעלאַרוס (ווייסרוסלאַנד). אַז צוויי דיאַלעקטן גרענעצן זיך אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, איז דאָך במילא שייך אַ סברא אַז ס'וועלן זיך מאַכן קעגנזייטיקע השפּעות.

פֿונדעסטוועגן בלייבט אַביסל קשה, אַלמאַי אַ „ריכטיק אוקראַיִנישער אידיש" זאָל אויף אַזאַ אויסגעהאַלטענעם אופֿן האָבן אַן איינאונאיינציקן „ריכטיק ליטווישן" וואָקאַל. אפֿשר קען דאָ די אידישע געשיכטע צושטעלן אַן השערה.

אין די גרויזאַמע יאָרן פֿון גזירות ת"ח ות"ט (די כמעלניצקי שחיטות פֿון 1648 און 1649), זיינען אונטערגעגאַנגען אַ סך אידישע קהילות אין יענע אוקראַיִנישע שטחים, און פֿון די וואָס האָבן באַוויזן אַנטלאָפֿן ווערן איז אַ קענטיקער טייל אַריבער אין די טעריטאָריעס פֿון ליטווישן אידיש, צו צפֿון=צו. שפּעטער=צו, האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַן „אומקער" אויף דרום ווען ס'איז שטיל געוואָרן, און די נייע (אָדער אויפֿסניי) געקומענע פֿון צפֿונדיקן געביט זיינען שוין געקומען מיט אַ ליטווישן אָדער אַ ליטוויזירטן נוסח אידיש.

פֿאַרדערפֿאַר זיינען פֿאַראַן אויך אַנדערע ראיות. אין טייל צפֿון=אוקראַיִנישע מקומות, למשל אין זשיטאָמיר, הערט מען עד היום הזה שפּורן פֿון אַמאָליקע „פֿראַוואָן" אויס=צומיידן „יענעם עי", און דאָס זעט מען פֿון „ניט=ריכטיקע תיקונים" (בלשון הפֿילאָלאָגן: „היפּערקאָרעקציעס"), ווי למשל אינעם וואָרט „צלם" וואָס מען קען הערן אין אַזאַ מין געשטאַלט דאָרטן: „צאָילעם"! דאָס הייסט, אויף פּטור ווערן פֿונעם „עי" האָט מען ווען=ניט=ווען נאָך איבערגעכאַפּט די מאָס...

ווּאחרון אחרון: אָדאָרטן ניט ווייט, האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ צווייטער „דיאַלעקטיש צונויפֿגעפֿלאָכטענער אידיש" אויף אַ קלענערן שטח און מיט גאָר אַ פֿאַרקערטער מאָס פֿון די אינגרעדיענטן: אינגאַנצן ליטוויש=מעסיק, נאָר מיט אַן איינאיינציקן בולט=סיסטעמאַטישן יוצא מן הכלל. דאָס איז דער טשערנאָבלער אידיש וואָס איז ביסודו ליטוויש, מיט איין בולטן אויסנאַם: די אַלטע „או" קלאַנגען הערן זיך אַלע מיט „אי" אויפֿן דרומדיקן שטייגער: „זיכן" און „טשיווע" אויף 'זוכן' און 'תשובה'.

די „קאַפּיטעלעך אידיש" זיינען אויסן ניט נאָר ברענגען תשובות און תירוצים אויף קשיות (אָדער לכל הפּחות פּראַוון...), נאָר אויך אויף פֿרעגן ביי אייך, חשובע לייענער. צי זיינען פֿאַראַן לייענער פֿון טשערנאָבלער קרייזן אָדער וואָס קענען אָדער האָבן געקענט „אמתע טשערנאָבלער"? מה=דאָך, יענער העכסט ספּעציפֿישער „טשערנאָבלער אידיש" („ליטוויש אַחוץ מלאפֿום\שורוק 'אי'") איז אַמאָליקע יאָרן געווען דער סימן מובהק פֿון אַ ריכטיקן טשערנאָבלער חסיד. און היינט?

### פֿראַגעס פֿון אַ איד פֿון "האַי=טעק"

אַ צאָל פֿראַגעס האָט צוגעשיקט עמיל קאַלין, אַ געבאָרענער אין בוקאַרעשט אין 1980 וואָס האָט אַלס אינגעלע עולה געווען אין ארץ ישראל מיט זיין משפּחה. ער איז פֿון פֿאַך אַ פּראָגראַמיסט און אַרבעט בכלל אינעם האַי=טעק, אָבער: „אידיש איז מיין האָבי און מיין הנאה פֿון לעבן, א טייל פֿון דער נשמה". ער פֿרעגט וועגן אַ ריי ווערטער און אויסדרוקן...

#### • איטלעכער און יעטווידער

עמיל פֿרעגט וועגן דעם וואָרט „יעדער":

„צי הערט מען נאָך אויף 'יעדער' די אין=מיינע=אויגן פֿאַרעלטערטע פֿאָרמעס „איטלעכער" און „יעטווידער"? דאַכט זיך אַז ביידע זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן אָדער זיינען געוואָרן אַ זעלטנהייט."

פֿאַרשוואונדן געוואָרן זיינען זיי ניט; אַנדערש וואָלט ניט אויסגעקומען וועגן זיי צו פֿרעגן. אַ זעלטנהייט, בפּירוש יאָ. בלייבט נאָר אַ שאלה, וואָס פֿאַראַ מין זעלטנהייט, און דערצו, פֿון תכלית וועגן, צו וואָסער ממשותדיקן באַנוץ אין אונדזער היינטיקן אידיש?

לשון איז ניט סתם אַ מיטל פֿאַר קאָמוניקאַציע אין טרוקענעם זין פֿון פֿאַקטן (סיידן ס'גייט די רייד וועגן קאָמפּיוטער=שפּראַכן וואָס זיינען טאַקע אויסן בלויז „די פֿאַקטן"). לשון בני אדם, דאָס איז אַ יש מיט אַ גרענעצלאָזער שעפֿערישקייט וואָס דער מענטש קען צופּאַסן ניט נאָר צו „באַדייטונגען" נאָר אויך טאַקע צו די איידלסטע ניואַנסן פֿון מענטשלעכן מהות.

לשון איז דאָך אַ כלי פֿון אונדזער שטימונג, סטיל, אייגנאַרטיקייט און סיטואַציע. די שטודיע פֿונעם חילוק אין צוויי לכאורה „אידענטיש=באַדייטנדיקע" ווערטער לויט זייערע אייזלסטע פּרטי=פּרטים רופֿט זיך צומאָל „סטיליסטיק". די אידישע סטיליסטיק איז אַ זעלטן רייכע. ביי איר טרעפֿט מען ממש אַ פּרדס פֿון עשירות ערשט „נאָכדעם" ווי מען איז יוצא מיטן בלויזן דיקדוק און מיטן בלויזן באַדייט. איז לאָמיר אַריבערגיין פֿונעם כלל ביז צום פּרט:

„אַיטלעכער" און „יעטווידער" זיינען אַמאָל געווען „פּשוטע ווערטער" אין פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן פֿון אידיש, מיטן זעלביקן באַדייט וואָס „יעדער" (אָדער „יעדערער" אָדער „יעדער איינער"). מיט ווינציק אויסנאַמען, זיינען זיי נעבעך נעלם געוואָרן ווי טאָגטעגלעכע ווערטער. מען האָט אין זיי אָבער ניט אינגאַנצן פֿאַרגעסן. פֿאַרקערט זיי איז באַשערט געווען אַ מין עלית נשמה דערמיט וואָס זיי זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין „ליטעראַרישע ווערטער" וואָס האָבן אַ צאָל באַנוצונגען אין דער ליטעראַרישער שפּראַך (און „ליטעראַרישע שפּראַך" איז שייך צו פּאָעזיע, פּראָזע, עסייען, אַרטיקלען, אויך בריוו און כרוזים פֿון אַ העכערן סטיל, און נאָך און נאָך).

ערשטנס, קען מען זיך משער זיין, אַז אין היינטיקן לעבעדיקן באַנוץ, זיינען „איטלעכער" און „יעטווידער" אַביסל פֿאָרמעל, געהויבן, אַריסטאָקראַטיש, „העכער" אין דער שטימונג און מעמד ווי סתם „יעדערער". וואָס איז פּאַסיק ביים טישל אין קאַפּע איז ניט דאָס זעלביקע וואָס אין ליטעראַרישע ווערק.

והשנית, און דווקא אין דער זעלביקער צייט, זיינען „איטלעכער" און „יעטווידער" בעת מעשה מער היימיש, מער אידישלעך; זיי שפּרודלען מיט דער וואַרעמקייט פֿון באָבע=זיידע און פֿון דער אַלטער פֿאַרשניטענער היים. דאָס נעמט זיך פֿון זייער אויטענטישקייט, זיי זיינען ווערטער פֿון אַמאָליקע אמתע אידן. אָטאָ די ווערטער האָבן אין אַ סך קרייזן פֿון אידיש אָנגעוואָרן זייער טאָגטעגלעכקייט און זיך דערהויבן צו אַ ליטעראַרישקייט וואָס ברענגט דעם לייענער שיינע שטראַלן פֿון אַן עכטער, וואַרעמער אידישער סביבה.

#### • געדאַנקען, מחשבות, רעיונות, אידייען

דאָ זיינען די אונטערשיידן אַ סברא מער נוגע צום עצם ניואַנס פֿון באַדייט, אידער צום סטיל.

דער אַלגעמיינער באַגריף דאָ איז אַ געדאַנק, וואָס קען אַרומנעמען אַלצדינג.

אַ משחבה איז שוין עפּעס אַביסל טיפֿער, און ס'איז אַפֿילו אַן אָנוואונק אַז דער „בעל=מחשבה" איז אַ מענטש מיט וויסן, דערציאונג, פֿאַרטיפֿונג, ניט גלאַט אַ בר=נש. טוט נאָר אַ קלער: אַן עם=הארץ אַ גראָבער יונג אַ פּראָסטאַק איז מסוגל צו האָבן „אַ מחשבה"? לא מיט אַן אלף.

אינעם לשון רבים, „מחשבות", איז דער גייסט פֿון וואָרט נאָך מער געהויבן, ס'גייט די רייד וועגן אַ טיפֿערן גאַנג פֿון געדאַנקען איבער העכערע אינטעלעקטועלע ענינים. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך אַז שרייבער זיינען לאו דווקא עניוותדיק; אָט האָט דער באַרימטער אידישער קריטיקער פֿון קאָוונע, איזידאָר עליאַשעוו (געלעבט פֿון 1873 ביז 1924) זיך אַ ליטעראַרישן פּען=נאָמען אויסגעקליבן, ניט מער און ניט ווייניקער: בעל=משחבות.

„רעיונות" אויף אידיש (דער לשון=יחיד, „רעיון" איז בדרך=כלל ניט פֿאַראַן אויף אידיש, ס'איז אַ רבים) זיינען נאָכמער עמקותדיקע, פֿאַרטיפֿטע טראַכטענישן,

שיער ניט אַזעלכע וואָס מ'ריכט זיך אויף זיי ביי אַ פֿילאָסאָף, אַ דענקער, ביי אַ העכסט=שעפֿערישן מענטשן.

„אידייען" זיינען ווידער אַנדערש: אָפֿטמאָל איז דאָס אַ וואָרט וואָס באַצייכנט גלייבונגען, איבערצייגונגען, האָפֿענונגען אויף אַ בעסערער וועלט, אַזוי ווי מ'טרעפֿט עס ביי אָנהענגער פֿון פֿאַרשיידענע באַוועגונגען פֿון די לעצטע דורות.

טשיקאַווע: אין „משחבות" און „רעיונות" איז מען עלול זיך אָנצושטויסן סיי ביי רבנים, לערנער און קענער פֿון כתבי קודש, און סיי אין די מאָדערנע תחומען און געגנשטאַנדן. דער באַגריף „אידייען" (ווידעראַמאָל דווקא אין רבים) איז אָבער אין גרונט אַ באַגריף פֿונעם מאָדערניזם. ווער ס'שרייבט אַ בוך וועגן זיינע אָדער אירע אידייען קען זיין אַ רעכטער אָדער אַ לינקער; אַ ציוניסט אָדער אַ סאָציאַליסט; אַ קאָנסערוואַטיוו אָדער אַ ליבעראַל; אָבער ניט, לאָמיר אָנכאַפּן, אַן אש=להבהדיקער מחבר אין תחום פֿון חסידות אָדער מתנגדות (נו, אָננעמענדיק אַז אַ מתנגד איז בכלל מסוגל צו זיין אַן אש=להבהדיקער...). אַזאַ מין מחבר, פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלן עולם ומלואו, וואָלט געווען אַ מחבר מיט רעיונות, אָדער גלאַט – אַ בעל=מחשבות.

### וועגן דער שרייבונג פֿון "ניו יאָרק" און "נואַרק" אין כתובות און גיטין

דער חשובער לייענער, ד"ר אשר=זעליג בן משה מאיר הלוי, וועלכער איז באַקאַנט אין דער ענגליש ריידנדיקער וועלט ווי פֿרעד דזיאַדעק, איז אַ וועלט באַוואוסטער עקאָנאָם וועלכער האָט געאַרבעט ביים „אינטערנאַציאָנאַלן מאָנעטערי פֿאָנד" און געווען אַ פּראָפֿעסאָר אין דזשאָרדזשטאַון און אַנדערע אוניווערסיטעטן. ער האָט אויך געלערנט אין ישיבות און איצט אין די פּענסיע יאָרן, אים צו לאַנגע יאָר, לערנט ער ווייטער אין דער „ישיבה גדולה" אין וואַשינגטאָן.

לויט ר' אשר=זעליגס מיינונג, איז די טראַדיציע, מ'זאָל שרייבן „ניו יאָרק" (מיט אַ יוד אין וואָרט „ניו"), אָבער דווקא „נואַרק" (די שטאָט אין ניו דזשערזי) אָן אַ יוד, אין כתובות און גיטין, אַ מאָטיווירטע פֿון הלכה=וועגן, דהיינו עס זאָל חלילה ניט קומען צו קיין פֿאַרפּלאָנטעריש צווישן די ביידע שטעט.

אַונדז דאַכט, אַז ביי היינטיקן טאָג קען דאָס לחלוטין ריכטיק זיין, אַז מ'זאָל עס באַטראַכטן ווי אַ היינטיקע רעאַליטעט, דאָס הייסט אַז מען איז נוהג אין כתובות און גיטין צו נוצן דעם יוד ביי איין שטאָט און ניט ביי דער אַנדערער, אַבסאָלוט ניט רעכענענדיק זיך מיט אַוועלכן ניט איז היינטיקן באַנוץ אויף אידיש. למשל, טאָמער טרעפֿט מען די שרייבונג „נו יאָרק" אין אַוועלכער ניט איז היימישער צייטונג, וועט עס אפֿשר ניט ווירקן אויף אַ היינטיקן גט. אַזאַ מין באַטראַכטונג אין דער פֿילאָלאָגיע רופֿט זיך „סינכראָניע". דאָס איז דער אַנאַליז פֿון אַ דערשיינונג אין אַן איינציקער געוויסער צייט (אין דעם פֿאַל: דער לעת=עתה).

ווייל מען זיך אָבער פֿאַרקערט דערגרונטעווען צו דער געשיכטע פֿון דער זאַך, וואָס רופֿט זיך אין הלכות לשון „דיאַכראָניע", דאַרף מען באַטראַכטן דעם מקור און די פֿאַרשיידענע סטאַדיעס פֿון ערשטן פּונקט צו וועלכן מ'איז מסוגל צו דערגיין ביזקל היינטיקן טאָג. דאַמאָלסט שווימט גלייך אַרויפֿעט אָט וועלכע קשיא: איז פֿאַרוואָס=זשע, רבותי, פֿון זינט דער צייט ווען ס'איז בכלל אויסגעקומען אַריינשרייבן די נעמען „ניו יאָרק" און „נואַרק" אין אַ כתובה אָדער להבדיל אַ גט, איז מלכתחילה בנמצא געווען דער יוד אין נאָמען פֿון „ניו יאָרק" אַלעמאָל, אויסגעהאַלטן, בשעת ווען פֿאַר „נואַרק" איז אַזאַ פֿעסטע טראַדיציע קיינמאָל ניט געווען?

און דאָס ווידער איז אַ פּועל=יוצא פֿון דעם וואָס (אָן קיין שום פּחיתת הכבוד חלילה אונדזערע לייענער אין נואַרק, ניו דזשערזי!), ניו יאָרק איז שיער ניט גלייך געוואָרן אַ פֿעסטער קיבוץ וואָס איז גיך מגולגל געוואָרן אין אַן עיר ואם בישראל, דאָס הייסט אַ אידישער באַגריף. און אין דער שריפֿט איז אַ פֿעסטע שרייבונג פֿונעם שם=העיר אַ סימן מובהק פֿון אַ שטאָט וואו ס'איז דאָ אַ קענטיקע אידישע באַפֿעלקערונג. אונטער דער השפּעה פֿון דער ענגלישער שרייבונג (און דעמאָלדיקן אַרויסרייד, ווי ס'איז געגאַנגען די רייד אין דעמאָלדיקן קאַפּיטעלע ו'), איז איינגעפֿעסטיקט געוואָרן די טראַדיציע צו שרייבן „ניו יאָרק". והוא הדין, סיי ביי כתובות און גיטין, און סיי אויך סתם, אין אַן אויסגעהאַלטענעם, באַוואוסטזיניקן, בכבודיקן אידיש.

אַ גוטע וואָך!

www.dovidkatz.net
www.holocaustinthebaltics.com




אַ מאַפּע פֿון מחברס אַטלאַס אויפֿן אינטערנעט. קיעוו, פּעריאַסלעוו און זשיטאָמיר זיינען אויף דער דרומדיקער (אוקראַיִנישער) זייט פֿון גרענעץ, אָבער פֿאָרט זייער נאָענט. דער טשערנאָבלער דיאַלעקט איז פֿאַרקערט אויף דער צפֿונדיקער (ליטווישער) זייט פֿון גרענעץ, און נעמט אַריין טשערנאָבל, כאַבנע, אָווריטש, נאַראָדיטש, וועלעדניק, נאָרינסק, רודניע. די ביז=איצטיקע מאַפּעס פֿונעם אַטלאַס געפֿינט מען אויף:
http://www.dovidkatz.net/WebAtlas/AtlasSamples.htm



אַן אַמאָליקער פּאָסטקאַרטל געווידמעט דעם באַוואוסטן אידישן שרייבער און קריטיקער איזידאָר (ישראל) עליאַשעוו (אלישוב), אַ יליד קאָוונע וואָס האָט געלעבט פֿון 1873 ביז 1924. ער איז באַקאַנט דער עיקר מיטן ליטעראַרישן פּען=נאָמען זיינעם: בעל מחשבות. (פֿון: מעינקע קאַץ אַרכיוו)

**די לייענער פֿונעם "אַלגעמיינעם זשורנאַל" ווערן פֿאַרבעטן אַריינשיקן מיט עלעקטראָנישער פּאָסט ("אי=מייל") זייערע שאלות און ענינים מכח אידיש. מען בעט אַז די בריוולעך זאָלן זיין קורץ און צו דער זאַך, מ'זאָל אומבאַדינגט שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דער עיקר: נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט "אידיש מיט לאַטיינישע אותיות").**

**דער אַדרעס: dovidkatz@vilniusuniversity.net.**

**צום באַדויערן איז ניט מעגלעך יעדן ענטפֿערן פּערזענלעך און פֿאַרדערפֿאַר בעט מען אין פֿאָראויס מחילה.**